# עלענד

נעכטען אין דער צייט איז ער געוועזן ביי מיר און — איינגעשלאָסען אין זיינע ארעמס, האָב איך זיך געפיהלט קליין און עלענד. ער איז מיר ניט געקומען געבען גליק; ער איז נאָר געקומען נעהמען, אויך ניט אין גאַנצען: ער רעכענט זיך גוט אוים, וויפיעל ליעבע צו שענקען, אום ער זאָל ניט אריינפאַלען אין א חוב...

איך האָב איהם געוואָלט זאָגען, דאָס איך וועל איהם צו קיינע פליכטען ניט מאָהנען, — ער וועט מיך מעגען איבערלאָזען אין מיין עלענדקייט, ווען ער וועט מיך מעהר ניט ליעבען. איך בין ווילינג צוליעב אביסעל גליק אונגליקליכער צו זיין... אָבער איך האָב עס ניט געקענט ארויסרעדען... איך האָב מיך געשעהמט און געשראָקען פאַר זיין ניט גלויבען און מיין אָפּפערווילינגע ליעבע... זיין אויבערפלעכליכע ליעבע, די אונשעדליכע צערטליכקייטען, האָט אָבגענומען מיין שפּראַך. זיינע לייכטע ווערטער איבער מיין צורנסטען אריינטראכטען זיך אין קינדערשע שטיפעריי, האָבען מיר דייטליך געוויזען, דאָס ער וויל, איך זאָל פערשטעהן, אז צווישען אונז קען גאָרנישט זיין...

עס איז אפשר ניט שעהן, ניט פּראַקטיש צו פאַרגעסען זיך... עס איז אָבער פיעל מאָהל ערגער, אזוי ווי ער, צו געדענקען זיך... זיין וואָכעדיגע, קאַלטע נשמה בעגרייפט עס ניט, און איך קען דאָס איהם ניט ערקלעהרען...

נאָך זיין אוועקגעהן האָב איך זיך א צייט בעטראַכט אין שפּיעגעל און געצעהלט די צייכענס, וואָס זיינע קושען האָבען אויף מיר איבערגעלאָזען. איך האָב ניט געשמייכעלט אוים גליק ביי דיעזער עראינערונג; בעליידיגט האָב איך זיך געפיהלט.

טרעהרען ווילען זיך גיסען פון הארציגען ים געפיהלען, אין וועלכען עס ווייקט זיך מיין נשמה. איך זוך דעם ים מיט געדאַנ־

קען־שטיינער צו פערוואָרפען. איך מאַך ביי זיך אָב צו זיין שלעכט, ווען ער וועט אַ צווייטען מאָל קומען, וואָרפען אַ שפּאָטישען, פרע־כען געלעכטער איהם אין געזיכט אריין. איהם העלפען אין זיין לייכטזיניג ביז אויסגערעכענטקייט און דערנאָך, ווען ער וועט שוין האַלטען דאָס הענטעל פון טהיר אום אוועקצוגעהן, איבערלאָזען מיך ווייטער אליין, ביז ער וועט האָבען צייט צו קומען צו מיר, — דאַן איהם זאָגען, דאָס אומזיסט האָט ער מורא געהאַט מיך צו נעהמען. איך בין ווייט פון צו זיין דאָס, וואָס ער מיינט... איך וואָלט קיין רעכט האָבען צו פאָדערען פון איהם פפליכטען... זיין עהרליכקייט מאַכט איהם אַזוי לעכערליך. האָט ער ניט פערשטאַ־נען, וואָס איך האָב אזוי פרעהלאַך געלאַכט? דאָס האָב איך גע־לאַכט איבער איהם, איבער זיין מורא פאַר דאָס, וואָס עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו שרעקען זיך.

ווי פאַרלאָרען און פערשעהמט ער וועט בלייבען שטעהן! עס קען זיין, ער וועט זיך פּלוצלונג געבען אַ כאַפּ צו מיר... איך וועל דאַן שטרענג אויסשטרעקען מיין האנד און אָנווייזען אויפ׳ן טהיר. דאָס וואָלט געוועזן מיין ראכע פאַר זיין ל י ע ב ע.

ניין, איך וויים ניט אויב איך וואָלט דאָס געקענט טהאָן...

... אַליין געה איך ארום איבער די טומעלדיגע גאסען פון ניו יאָרק. מיט הערבסט־געדאַנקען בעגעגען איך דעם זומער. אַ ווינטערדיגע קעלט נעהמט ארום מיין נשמה. ווען אַלעס ארום מיר לעבט, פיהל איך ווי אין מיר שטאַרבט עפּעס אָב... איך וויים וואָס דאָס איז — ס׳איז די האָפנונג. זי געהט אין מיר אויס...

מיר איז ענג אין מיין צימער, וואו אַלעס דערמאָהנט מיך אָן איהם. איך טאָר וועגען איהם ניט טראַכטען. ער איז פאַר מיר געשטאָרבען. ער ליעבט אַנדערע. ער קען צוטהיילען זיין ליעבע און איך קען עס ניט; איך קען ליעבען נאָר א י י נ ע ם. אָבער, איך ליעב איהם שוין מעהר ניט. איך האָב נאָר פיינט מיין עלענד־קייט. ער קען געהן וואו ער וויל. אז ער איז מיט מיר, פיהל איך נאָך שטאַרקער די ווייטקייט, וואָס צוטהיילט אונז. ווען ער איז ניטאָ, קען איך קלעהרען וועגען זיין זיין מיט מיר; ווען ער איז דאָ, קלעהר איך נאָר ווי אַזוי ער וועט אוועקגעהן...

* * *

איך קען מעהר ניט זיצען אזוי אין מיין צימער אוןווארטען, וויסענדיג דאָס ס'איז אומזיסט מיין ווארטען — ער וועט ניט קו־מען. איך וועל אוועק ווייטער איבער'ן טומעל. זאָל ער קומען און מיך ניט טרעפען ביי זיך... איך וועל זיך זעצען אויף א קאר, וועלכע פאָהרט ווייט, ווייט. זאָל זי מיך פיהרען מיט מיינע שווע־רע געדאנקען. עס וועט זיין גרינגער ווי ארומצוטראָגען זיך מיט זיי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין געפאָהרען אזוי ווייט מיט א קאר, פול מיט מענשען, ביז זי האָט זיך אָבגעשטעלט. אלע פאסאזשירען זיינען אראָפּ און איך אויך. דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען אומקעהרען די ווענטלאַך פון די בענק אום צו פאָהרען צוריק און געקוקט אויף מיר. איך בין געשטאַנען און געהאַלטען זיך מיט איין האנד אָן דער קאר, ווי מורא האָבענדיג זי זאָל ניט אוועקפאָהרען פון מיר... „נאָך דער, וועט דאָך קומען א צווייטע", האָב איך מיר געזאָגט און בע־שלאָסען ארומגעהן אביסעל, פערזייהען מיינע געדאנקען איבער'ן גרינעם פעלד, זעהן וואו איך געפין זיך.

פּלוצלונג האָב איך דערזעהן א בית עולם. איך בין געפאָה־רען צו א בית עולם גאָר ניט וויסענדיג דערפון... די, וועלכע זיי־נען מיטגעפאָהרען האָבען עס יאָ געוואוסט. אָן געהען זיי אלע ארום צווישען די קברים... און א חוץ זיי נאָך אנדערע, מיט בלו־מען. צו וואָס דארפען די טויטע בלומען, אז זיי קענען זיי ניט זעהען, ניט שמעקען?...

איך בין צוגעגאנגען צו א שטיין, גענומען לעזען דעם איינ־געקריצטען נאָמען מיט די גאָלדענע בוכשטאבען פון א פערשטאָר־בענער, זיך פערטראכט איבער'ן טויט, ווען פּלוצלונג האָב איך דער־זעהן לעבען זיך א מאן שטעהענדיג. ער האָט מיך מיט א פראגענד־פערוואונדערטען בליק אָנגעקוקט. איך האָב שטיל אָבגעטראָטען און ער איז נעהנטער צוגעטראטען צו זיין... וואס איז זי איהם געווען?...

איך האָב שוין אויסגעמיידט די קברים, צו וועלכע אנדערע האָבען זיך דערנעהנטערט... פערבייגעגאנגען גלייך, ביי וועלכע אנ־

דערע זיינען געשטאנען. מיר האט געדוכט, דאס איך מיט מיין אנוועזענהייט שטער די אונטערהאלטונגען צווישען די לעבעדיגע און זייערע טויטע. און די טויטע, ווארטענדיג אויף זייערע לעבעדיגע בעזוכער, בעליידיגען זיך אויף מיר פאר מיין טעמפען, גלייכגילטיגען ארומקוקען זייערע קברים... וואס האב איך א פרעמדע צו זיי, דא ארומצוגעהן שטערען זייער רוה!... איך האב זיך געשעהמט פאר זיי. וואלט איך ווען דארט געהאט, וואלט ע ר דארט געווען... ווי אנדערש איך וואלט מיך דא געפיהלט! נ י ט א ז ו י איבעריג, נ י ט א ז ו י עלענד...

עלענד צווישען לעבעדיגע און טויטע...

# יאוש

א בריעף פון א י ה ם. מיין הארץ האָט אויפגע־הערט קלאַפּען. איך האָב איהם געעפענט.

ער וויל מיך זעהן, צו מיר קומען. ווי א בליץ האָט א שטראַהל האָפנונג דורכגעשניטען דעם שווארצען וואָלקען פון מיין יאוש. אלעם פאר מיינע אויגען האָט זיך א וויעג געטהאָן, ווי געוואָלט פאַלען צו מיינע פיס, זינקען און מיך מיטשלעפּען מיט זיך... איך האָב מיך אָנגעהאַלטען אָן ווענטעל פון מיין בעט, וועלכע האָט, אין איהר אונבעפלעקטע ווייסקייט, ווי מיט פאָרוואורף געקוקט אויף מיר פאר דערלאָזען א פערלאַנג נאָך זיין קומען.

מיט וואָס פאר א רוהיגקייט עס אָטעמט זיין האנדשריפט! וויפיעל פאָרזיכטיגע אויסגערעכענטקייט עס ליעגט אין זיין שריי־בען! ער שרייבט אזוי, אז אלע וואָלטען עס מעגען לעזען. פאר מיר לאָזט ער איבער פּלאַץ צווישען די שמאָלע שורות... דאָס האָט ער קיין מורא ניט צו טהאָן; ער איז זיכער, דאָס איך וועל קיינעם ניט אויסזאָגען וואָס איך לעז צווישען זיי...

ווען איך קען איהם אָבזאָגען פון צו זעהען מיך, וואָלט איך, קען זיין, מעהר אויף שפּעטער געוואונען, אָבער... ניין, א י ך וויל דאָך א י ה ם זעהען! איך... יע, איך וועל איהם ענטפערען. אין קאַלטע געצעהלטע ווערטער וועל איך איהם שרייבען אזוי, אז אלע וואָלטע מעגען לעזען, און ביי זיין קומען, זיין, אוועקגעהן — וועל איך ארויסווייזען איהם גלייכגילטיגקייט.

---

ער איז ערשט אוועק. איך פיהל דאָס צווישען אונז איז אלעם געענדיגט און איך בין ארומגענומען פון א הייסען וואונש נ י ט צ ו ז י י ן.

ווען מען קען ווען מען ניט פערטראָגען, הייסט מען יענעם אוועק־געהן אָדער מען געהט אליין אוועק. וואָס טהוט מען אָבער מיט זיך? איך בין זיך איבעריג, און איך קען פון זיך ניט אוועק.

א לאַנגע צייט האָב איך איהם נאָכגעקוקט, נאָכגעטראַכט און — געשיקט נאָך איהם די ווערטער און גערענקען, וועלכע איך וואָלט איהם בעדאַרפט זאָגען און האָב ניט געזאָגט. די שפּראַך ווערט פער־גליווערט אין מיר דורך זיין שווערען שווייגען, אָדער לייכטען רעדען איבער אַנדערע, אַלגעמיינע זאַכען. עס איז שווער צו טראַכטען פון איין זאַך און רעדען פון גאָר אַנדערע. וועלען זאָגען איהם ד ו און גאָר ענטפערן א י ה ר אום צו בעטאָנען די ווייטקייט פון דער נאָהענטקייט. וואַרטענדיג פאַר איהם, האָט זיך מיר, ניט ווילענדיג, געוואָלט ער זאָל ניט קומען; איך וואָלט שוין בעסער בלייבען ביי מיין בענקעניש, איידער מיט דער פאַרטזעצונג פון ג אָ ר נ י ש ט.

א ווײלע האָט מיר געדוכט, דאָס ווען ער ווייס ווי איך לייד, וואָלט ער אַלעס אָפּגעבען פאַר מיר, אפילו די ליעבע צו יענער, אונ־בעשטימטער, וועלכע קוקט צו איהם אַרוים פון צווישען גראַנדיעזע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

איך האָס זיין ליעבע. איך וויל זי מעהר ניט. א ליעבע, וועל־כע האָט פאַר זיך ניט קיין צוקונפט, איז ניט פיעל ווערטה אין דער געגענוואַרט. ווייטע בעציהונגען זיינען שעהן נור דאַן, ווען נאָך זיי קומען נאָהענטע. מען מעג זיין אין אַלעס פריידענקער, נור ניט אין ליעבע. ליעבע וויל פאַנאַטיקער. ער איז דאָס ניט. ער איז ווי א שפּיעלער, וועלכער שטעלט אין קאָן פונקט אַזוי פיעל וויפיעל איהם אַרט ניט ער זאָל פערליערען...

איך האָב געוויינט. געוויינט ביז איך האָב זיך אויסגעוויינט. די טרערען האָבען אַראָפּגעוואַשען דעם לעצטען ביטערען פיל פון ענ־טוישונג, פון געגנאַרטען גלויבען אין א נס — איז זיין ליעבע ווי מיינע...

דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט זיין גלייכגילטיג צו איהם און ניט געקענט, (ווייל איך פערליר זיך אין מיין ליעבע. זי איז גרעסער פון מיר), האָב איך איהם אויסדריקליך געזאָגט, דאָס ס'איז בעסער פאַר אונז ביידען, מיר זאָלען זיך מעהר ניט זעהן. ער האָט געשווי־

גען... אזוי האָב איך געטהאָן. מיר האָבען זיך שטום די הענד גע־
דריקט און אוועקקוקענדיג איינס פונ'ם אנדערען — צוגאַנגגען.

זי איז געשטאָרבען, די ליעבע. איך וועל קיין אָנשטרענגונג
מאַכען זי אָפּצורופען. א טויזדטע זאַך, אז מען רופט אָפּ מאַטערט
זיך עס נאָר, אָבער צוריק צום לעבען קומט עס ניט...



# ווייטער פריהלינג...

ווייטער פריהלינג.

„ווידער איז ער דאָ, דער יום טוב פון ליעבע, די ערוואכונג פון דער נאַטור, מיט איהרע ווייך גלעטענדע סאמעטענע ווינטעלאך, ניי־ערוואכטע פערלאנגען און האָפנונגען אויף גליק.‟ — אזוי זאָגען פיעלע וועלכע שרייבען, בעשרייבען און בעזינגען דעם פריהלינג.

איך... זאָג עס ניט. איך פיהל אַנדערש. ווען איך דערזעה דעם פריהלינג, טראַכט זיך מיר: באַלד ווייטער ווינטער...

קוקענדיג אויף דער נאָך איינגעשלאָסענער קנאָספּע, זעה איך שוין די פערוועלקטע בלום. ווען די בוימער טהוען זיך אָן אין זייערע ניי־גרינע קליידער, זעה איך שוין, ווי די פערגעלטע, צודאַרטע בלעטלאך פאלען צום באָדען און שטילען שרייען פון בייזען ווינט...

איך זעה דעם טויט פון זאכען, ווען זיי ווערען ערשט געבאָרען...

---

גאַנצע אבענדען זיץ איך אָפּ אליין מיט זיך און וויים, קיינער וועט צו מיר ניט קומען. מיר ווילט זיך אויך צו קיינעם ניט געהן. איך קוק שטונדען לאַנג ארויס פון מיין פענסטער, וואָס קוקט טרויעריג אַרויס צו אַ סך אַנדערע פענסטער, ווי מיינע, וואָס שניידען זיך אין גאַנצע שורות אין די גרויסע טענעמענט הייזער, ווי זיי קוקען אַרויס מיט בענקעניש און אומעט איבער דער פּוסטקייט וואָס פיהלט אוים דאָס אָרים לעבען אונטער זיי...

אין איינע פון די פענסטער זעה איך זי, די יעניגע, וועלכע האָט נאָך אליין ניט אָנגעפאנגען צו לעבען נאָר דורך לאַנגע יאהרען שווערע אַרבייט געהאָלפען „איהם‟ צו „ענדיגען‟... „ער‟ קוקט איצט אויף איהר פון אויבען אראָפּ. פון איהרע מיעדע אויגען קוקט שרעק

אַרוים איבער דעם געדאַנק, אַז באַלד וועט ער אויף איהר ניט וועלען קוקען...

איך זעה זי שוין אַ איבערגעפּאַהרענע אונטער די רעדער פון'ם רייט-וואַגען אויף וועלכען „ער" טראָגט זיך אין געיעג נאָך ערפּאַלג...

ווי אומגליקליך זי קוקט אויס צו זיין! ווי דערשלאָגען, ווי ענטמוטהיגט ווען זי וואַרט פאַר איהם און ער קומט ניט! און ווען ער קומט, זעהט אויס, ווי זי וואָלט זיך פאַר איהם וועלען פערוואַנד־לען אין אַן אַנדערער... אַ אינגערע, אַ שעהנערע, אַ מעהר צופריעדענ־שטעלענדע. ער זעהט עס... און דאָס פערגרעסערט דעם אומגליק; ליעבע איז אַ שפּיעל אין וועלכע מען טהאָר ניט ווייזען די קאָרטען...

די יוגענד פון דער פרוי איז דער פריהלינג פון איהר לעבען. דאָס איז די יוגענד פון דער ר י י כ ע פרוי. די אָרימע, עלענדע ווייס ניט פון פריהלינג, פאַר איהר איז אייביג הערבסט און ווינטער...

---

אַ מאַן וויל שטענדיג אויסזעהען צו זיין דער שטאַרקערער פון דער פרוי. און ווערט ער שטאַרק אויפ'ן רעכענונג פון איהר... שוואַכקייט, ווערט ער איהר דערפאַר אַ שונא...

ניטשע זאָגט: „ווען דו האָסט איינמאָל איינעם געגעבען די געלעגענהייט צו ווייזען זיין גרויסקייט, און ער האָט זיך דערמיט צו דער צייט ניט בענוצט, וועט ער דאָס דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין..."

---

איך קוק אויף מיין האַנד און קוש דעם קוש, וואָס ע ר האָט אויף איהר, צום לעצטען מאָל, פאַר אַוועקגעהן, איבערגעלאָזען. איך האָב איהם... ליעב. ער ווייסט ניט, ווי שטאַרק איך ליעב איהם, און איך וועל דאָס איהם... איך קען דאָס איהם ניט זאָגען. זיין ניט ליעבען מיך, ניט וויסענדיג, ווי היים איך ליעב איהם וועט פער־וואונדען מיין האַרץ. זיין ניט ליעבען וויסענדיג ווי איך ליעב — בעליידיגען מיין שטאָלץ. מיין בעליידיגטען שטאָלץ וועלען אַלע קענען זעהן, מיין צו־וועהטאָגטע האַרץ — ניט. איך קען מיינע ליידען בעהאַלטען... גוט, ג וּ ט בעהאַלטען...

און זיי זיינען מיר טייער מיינע ליידען. איך פערשטאַרק זיי נאָך מיט פערשיעדענע פאַרשטעלונגען וועגען זיין ליעבע צו אַנדערע

און פיהל אַ פיינליכען פערגעניגען אין מאַטערען זיך, אין ליידען פאַר איהם...

---

ער האָט מיך אַזוי געבעטען צו איהם קומען! ביי איהם, זאָגט ער, איז שטיל און גוט. ניטאָ קיין זייטיגע, פרעמדע מענשען, וועלכע זאָלען שטערען צו ליעבע. איהם אַרט ניט די עפענטליכע מיינונג, און דאָך זוכט ער זיך פון איהר צו בעהאַלטען... אויב די ליעבע זיינע איז בערעכטיגט פון זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין געוויסען, פאַר וואָס זאָל ער זיך וועלען אַזוי מיט איהר בעהאַלטען, ווי מיט אַ פערברעכען?

אויב ער וויל זיין דער זיעגער, וויל איך ניט זיין די בעזיעגטע, זאָל מיין זיעג בעשטיין אין דעם, וואָס איך וועל זיך ניט לאָזען בעזיעגען. איך מוז זיין די הערשערין פון מיין ווילען, אויב איך וועל איהם ניט מאַכען פאַר אַ שקלאַף צו זיין געוויסען, צו וואָס ברייננען איהם דערצו ער זאָל דערנאָך דאַרפען פאַר מיר ל י י ד ע ן?!

ניין. איך וועל צו איהם ניט געהן, מעג ער מעהר צו מיר קיינמאָל ניט קומען!

---

איך האָב בלויז געוואָלט זעהן די הויז, אין וועלכע ער וואוינט. די פענסטער פון זיין צימער.

זי איז געוועזען האַלב־בעלויכטען. — קיינער האָט זיך דורכ'ן געדיכטען פאָרהאַנג ניט געזעהען. — איך בין געשטאַנען אין אַ פינסטער ווינקעל אויף דער זייט גאַס געגענאיבער, און מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט: זיין פענסטער. ס'איז ליכטיג... ווען איך געה איצט אריין צו איהם, בין איך ניט מעהר אַליין. נאָר אריינגעהן און גלייך אוועק. אוועקטראָגען מיט זיך די בעריהרונג פון זיין האַנד, אַ קוש, אַ בליק, אַ וואָרט...

אָבער ניין. איך האָב זיך אויף דעם ניט געקענט בעשליסען. וואָס וועט ער, אפילו ער אַליין דענקען וועגען מיר?! ניין, איך טאָהר צו איהם ניט געהן, ער קען דאָך צו מיר קומען. און דאָס, אין וואָס מיין ווייסער צימער מיט די דינגע וועגט און נאָהענטע צו איהם מענשען שטערען איהם, דאַרף סיי ווי ניט געשעהן...

דאָס איז זיין פענסטער. ער זיצט געוויס אין אַ ווינקעל פון

זיין אָפּגעזונדערטען צימער און לעזט. אָדער ליעגט אויף זיין בעט־טעל און טראַכט, טראַכט קען זיין וועגען מיר. וואָס וואָלט ער טהאָן, ווען ער וויים, דאָס איך שטעה דאָ אזוי נאָהענט... ער וואָלט לויפען צו מיר און רופען, בעטען צו זיך...

די פאָרהאַנג אויף זיין פענסטער האָט זיך צונומען. א פרויען־פיגור האָט זיך הינטער איהר בעוויזען. זי האָט ארויסגערוקט איהר קאָפּ אין דרויסען, געקוקט צום הימעל... נאָך איהר איז ער צוגע־קומען. ער, ע ר !.. זי האָט אויסגעדרייט צו איהם איהר געזיכט, איהרע ליפּען פאר א קוש... זיין קאָפּ האָט זיך איבער איהר אָנגע־בויגען. זיי זיינעןביידע מיט אמאָל ניעדעריגער געוואָרען, א ווענטעל פון א שטוהל האָט זיי פערשטעלט. און איבער דער וועג־טעל האָבען זיך צוויי ווייט ענטבלויזטע שניי־ווייסע אָרעמס גע־פלאָכטען...

דערנאָך די אָרעמס פערשווינדען. אין צימער איז געוואָרען פינסטער... און אפשר איז דאָס מיר פינסטער געוואָרען פאר די אוי־גען פון דער שווארצער כמארע, וואס האָט ארומגעכאפּט מיין נשמה, צונויפגעדריקט מיין הארץ און געמאַכט פיהלען, ווי אַרויסגעשטויסען פון דער וועלט...

ווי בין איך צו זיך געלאָפען ! ווי געיאָגט פון בייזע גייסטער. אָבער איצט... איצט בין איך רוהיג... איך האָב מיר געהייסען זיין רוהיג און בין איצט רוהיג, רוהיג ווי א טויטע...

א ווייכער ווינטעל קיהלט מיין הייסען שטערען, אימיצער זינגט פון פריהלינג... פון גליק, פון ליעבע...

# שבת־נאַכט

דער טיק־טאַק פון דעם זייגער, דער פּולס פון דער צייט קלאַפּט, קלאַפּט ווי מיין האַרץ; רעגעלמעסיג, איינטאָניג. פּלוצלונג שפּרינגט עס אונטער... פערשטאַרבט... און קלאַפּט ווייטער. —

איך האָב פּראָבירט צו שיקען מיינע געדאַנקען ווייט, איבער דער גאַנצער וועלט, און זיי זיינען באַלד צוריקגעקומען צו קאָנצענטרירען זיך אין מיר, אַרום מיר אַליין. ווי אַ פּוסטע זאַך, ווי אַ ליידיג שיפעל שווימט אַרום מיין קליינע וועלטעל איבער׳ן גרויסען ים פון לעבען.

און וויפיעל איך וויל מיך פערנעהמען מיט די צרות פון דער גאַנצער וועלט, מיט די ליידען פון דער מענשהייט, העלפט ניט. אומזיסט. מיין „איך" וויל ניט, קען ניט זיין גלייכגילטיג צו זיך, און מיין פּעסימיזם, אַנשטאַט ברייגנען מיך צום דענקען וועגען זעלבסט־מאָרד, דערגעהט אַזוי ווייט אַז — מיך אַרט ניט וואָס איך לעב...

---

עס איז מיר אומעדיג, אַזוי פּיינליך, שרעקליך אומעדיג, היינטיגען אָבענד מעהר ווי אין וועלכען ניט איז אַנדער אבענד פון דער וואָך. און איך ווייס שוין גאָר ניט פאַר וואָס דאָס איז, — היינט איז שבת־נאַכט...

דער שבת־נאַכט אומעט האָט זיך אין מיר געהאָדעוועט צייט פון די קינדער־יאָהרען אָן און איז אויסגעוואַקסען אין אַ כראָנישען טרויער, אין אַ מין רעליגיעזע מעלאַנכאָליע.

איך קעהר מיך אין געדאַנקען אום צוריק צו מיינע קינדער־יאָהרען, מאַך צו די אויגען און זעה זיך אין אַ פרייטאָג צו נאַכט צווישען מיינע אייגענע אין יענער, אַלטער וועלט. ווי שעהן מען פלעגט ביי אונז בעגעגענען דעם שבת! גוטמוטיג פלעגט מיט׳ן

שבת ווערען דער שטרענגער טאַטע. ווייך און האַרציג — די שטילע מאַמע. אַלע הויזיגע האָבען אויסגעקוקט ווי בענייעטע און מעהר פון אַלעמען — די באָבע. זי פּלעגט זיך אויספּוצען אין איהרע בעסטע קליידער און מיט אַ קינדערש שמייכעל, מיט פרומע ליפּען צו־טהיילען יעדערען אַ גוט וואָרט. און דער זיידע, דער תמיד בע־זאָרגטער, איבער'ן לאַנגען גלות אריינגעטראַכטער זיידע, מיט וואָס פּאַר אַ האַרציג־נשמה'דיגען נגון, ער פּלעגט זינגען דעם שלום עליכם צו די מלאכי השלום!

קיינמאָל האָט מען שבת ביי אונז געטהאָן וועלכע ניט איז וואָכעדיגע ארבייט. די עלטערען האָבען פּערבראַכט דעם טאָג אין רוה, און די יונגע אין פּ ע ר ב ר י י נ ג ע ן; עס פּלעגען זיך צוזאַמענקומען יונגע לייט צו די ברידער... מיידלאַך צו די שוועס־טער... פּלעגען צוזאַמען לעזען, זינגען, שפּיעלען אין „פּאַנדען" און געהן שפּאַצירען.

שבת — דאָס איז געווען דער שעהנסטער, בעסטער, גרעסטער, ליעבסטער טאָג פון וואָך!

דערפּאַר ווען דער שבת'דיגער טאָג פּלעגט זיך נעהמען נוי־גען צום אָבענד, פּלעגט אַ מאָדנע משא, אַ שווערער געפיהל, אָנ־הויבען דריקען דאָס האַרץ און פרעסען. און ווען קומען פּלעגט די צייט פון מאַכען הבדלה, אָפּשיידען די הייליגקייט פון וואָך, די ליכט פון פינסטערניש, פּלעגט וויינען, וויינען די נשמה: איהר האָט זיך אַזוי ניט געוואָלט צושיידען מיט דער אַנדערער נשמה, די נשמה יתירה, וואָס פּלעגט קומען נאָר אויף שבת!...

אויף דעם אָרט וואו עס האָבען פרייטאָג צו נאַכט אַ סך ליכט אין לייכטער געברענט, האָט זיך שבת־נאַכט טרויעריג געשמאָלצען די לאַנגע הבדלה וואָס פּלעגט באַלד, נאָכ'ן הבדלה מאַכען, אויס־געלאָשען ווערען אינ'ם צוגאָסענעם אויפ'ן אָפּגעדעקטען טיש רויטען וויין.

דער מאַמעס ליכטיג פּנים פּלעגט זיך בעציהען מיט אַ שטילען טרויער. זי האָט געהאָלפען דעם טאַטען זיך קלייבען אין וועג אריין, צו פאָהרען אין וואַלד, וואו ער איז געווען איין איד צווישען אַ סך פויערים. זי איז איהם אַלץ נאָכגעגאַנגען און פערזאָגט ער

זאָל זעהן ווי ער פּאָהרט. דערנאָך נאָכגעקוקט די פוהר ביז זי האָט זיך שוין מעהר ניט געזעהן.

און אומעדיגקייט, א וואָכענדיגקייט האָט אויסגעפיהלט יעדער ווינקעלע אין פערדרונקעלטען הויז. עס האָט זיך געלאָזט הערען דער באָבע'ס „גאָט פון אברהם". זי האָט בכיון אָפּגעצויגען און צוגעצויגען דעם זאָגען איהר המבדיל כדי נאָך א ווייל פערהאַלטען די זינדיגע אין גן עדן, זיי זאָלען אזוי גיך ניט דאַרפען געהן צוריק אין גיהנום...

די גוטע באָבע, זי איז אַלע מאָל און צו אַלעמען געווען אזוי גוט, אפילו צו די רשעים אויף יענער וועלט!

זי האָט שטאַרק געהאַלטען פון יענער וועלט, די אמת'ע וועלט. די וועלט, פלעגט זי זאָגען, איז נאָר געמאַכט געוואָרען כדי אויסצופּרואווען דעם מענשען, זעהן וויפיעל מעשים טובים ער קען אויפטהאָן. און אז וועה איז צום יעניגען ווער עס קומט אהין אין ליידיגען, קומט מיט גאָרנישט! א מענש וואָס האָט גאָרנישט אויפגעטהאָן פאַר'ן לעבען, איז ניט ווערט דעם טויט... ניט ווערט די ערד זאָל איהם נעהמען. אזעלכע דאַרף די ערד אויסשפּייען.

כמעט אַלע מאָל שבת-נאַכט פלעגט זי זיך צוריידען וועגען טויט. דער זיידע פלעגט איהר בעמערקען: „שוין, אויף א פולע וואָך"... ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט קיין גליקען אויף יענער וועלט. מ'מוז געהן אהין, פלעגט ער זאָגען, ווייל מען מוז. מען קען זיך פון טויט ניט אַרויסדרעהען. ס'איז דאָך אָבער בעסער צו זיין א לעבעדיגער הונט ווי א טויטער לייב. אויב זי, די באָבע, האַלט זיך ביים לעבען אין איין גרייטען צום טויט איז דאָך ניט שייך, אז איהר געפעלט עס אזוי, איז ער מסכים... ער וואָלט אָבער מוחל זיין דעם פערגעניגען, אז לעבען — דאַרף מען זעהן וואָס מ'קען טהאָן פאַר'ן לעבען ניט פאַר'ן טויט. נאָר וויל יע, וויל ניט געהן אהין, קיין אנדער ברירה איז דאָך ניטאָ. בעת מען ווערט געבאָרען איז מען דאָך בעשטימט אויף צו שטאַרבען. פון וואָס מ'ווערט גענומען צו דאָס מוז מען געהן. אָט, מ'טאַנצט ווי עס איז אָפּ די נאַרישע חתונה, מ'לעבט אָפּ דאָס לעבען. אַלטע מוזען לאָזען דעם פלאַץ פאַר נייע, אזוי געהט עס...

אזוי פלעגען זיי דאָס רוב ריידען שבת־נאַכט, אָבער קיינמאָל ניט פרייטאָג־צו־נאַכט, אָדער שבת. זיי האָבען זיך געהיט ניט צו פערשטערען דעם הייליגען יום טוב מיט טרויעריגע רייד. שבת האָבען זיי געדאַנקט גאָט פאַר'ן נחת וואָס זיי האָבען פון די קינדער, פון די קינד'ס קינדער, די אייניקלאַך און האָבען געגאַרט צו דערלעבען זעהן די אור־אייניקלאַך און געהאָפט צו דערלעבען אור־אור־אייניקלאַך. דער שבת האָט אריינגעבראַכט רוה און פריעדען, מעהר פערלאַנגען און בעסערע האָפנונגען אין זייער אַלט־יונגע נשמות.

ניטאָ מעהר דער זיידע, ניטאָ מעהר די באָבע. אַלט און שוואַך זיינען ערגעץ טאַטע מאַמע, צוזעהט און צושפּרייט די שוועסטער און ברידער; ניטאָ מעהר די פרייטאָגדיגע פרייד, איבערגעבליבען איז נאָר דער שבת־נאַכטיגער אומעט...

# אין קאמפף מיט זיך...

מיט פארוואורף קוקען אויף מיר די שטומע ווענט פון מיין בלאסען צימער פאר ניט אריינלאזען צווישען זיי א שטראהל פון גליק.

פינסטער קוקען אויף מיר פייכטע אויגען פון קאלטען שפיעגעל פאר ניט לאזען זיי זעהן די ליכטיגע וועלט.

בין איך שולדיג וואס איך קען זיך ניט גליקליך מאכען? האב איך מיך פיינט וואס איך לאז זיך ניט ליעבען?

פאר וואס לאז איך די געדאנקען געהן געגען די געפיהלען וואס זיינען ווי שוועסטער צו מיינע פערלאנגען? פאר וואס, פאר וואס?

עס קען זיין איך האב זיך פיינט, בין זיך אליין א שונא...

ז י ך פיינט און קען דאך פון זיך ניט אוועקגעהן, וועל שוין מוזען זיין אזוי מיט זיך ביז דער טויט וועט קומען...

---

איך הייס מיר אוועק פון זיך אין געדאנקען, זיך פערלירען צווישען מיליאנען אנדערע אין דער גרויסער וועלט, נ י ט ז י י ן: ניטא, איך בין ניטא, אבער, וועמעס הענד שטרעקען זיך אויס נאך... א י ה ם? וועמעס ליפען רופען אויס ז י י ן נאמען?..

---

א שרעק נעהמט מיך ארום. איך האב מורא פאר משוגע ווערען. איך וויל צונויפנעהמען מיינע מיעדע געדאנקען אין א י י ן געדאנק איבער — — — ניט דענקען... איך וועל אונטערדריקען מיינע געפיהלען, איך וויל זיין גלייכגילטיג צו זיך, צו אלעם וואס ארום מיר, איהם צוריק רופען און זאגען: דו האסט מיך ליעב, איך האב זיך פיינט. מיך ארט ניט וואס דער סוף וועט זיין; מעג איך ווי טויזענדער אנדערע פערלארען געהן, מעג איך זיך געפינען בעליידיגט, פערלארען, פערשטויסען אויף שפעטער. איך וויל מעהר

ניט זיין וואָס איך בין; זיין איינזאַם און עלענד. ליגען אַזוי איינ־געוויקעלט אין טיעפען טרויער נאָך מיין טויטען לעבען...

רופען איהם צוריק נאָך דעם ווי ער איז דאָ געווען און איז אוועק, קען זיין, מיט דעם בעשלוס מעהר קיינמאָל ניט צו קומען! פאַר וואָס האָב איך פריהער, מיט א ווײַלע צוריק, ווען ער איז דאָ נעבען מיר געזעסען, איהם ווי ניט געזעהן... ער האָט געקוקט אויף מיינע האַלב צוגעמאַכטע אויגען, געזאָגט איך בין זעהר בלאַס, קוק אויס צו זיין מיעד, קראַנק, געפרעגט וואָס מיר איז און איך האָב געענטפערט — ג אָ ר נ י ש ט.

אויב אַזא שווייגען ווי דער, וואָס איך האָב געשוויגען, קען גאָרנישט זאָגען, איז אומזיסט דאָס ליידען... ווער עס פערשטעהט ניט די שפּראַך פון שווייגען, פון די אויגען, פון דער האַנד, פון דער שטימע — דער ליעבט ניט.

ער ליעבט מיך ניט. אָבער, אז ער ליעבט ניט, איז צו וואָס קומט ער? איז דאָס נייגעריגקייט וואָס ברייננגט איהם צו מיר צו ז ע ה ן אויב א י ך ליעב איהם? איז דאָס א פערלאַנג צו פערגלייכען מיך מיט אַנדערע?

איך האָב געקוקט אויף זיין האַלז און ג ע ז ע ה ן די צוויי אָרעמס וואָס האָבען זיך אַרום איהם געפלאָכטען ווען איך, ווי אַן אַרויסגעשטויסענע פון דער וועלט, בין אין דונקעלען ווינקעל פאַר׳ן פענסטער פון זיין צימער געשטאַנען. א נאָגענדער ווייטאָג האָט זיך ווי א שאַרף פון א שפּיעז אין מיין האַרצען אַריינגעשטאָכען ביי דער עראינערונג. איך האָב מיינע פינגער פון זיין האַנד בע־פרייט, דעם ווייטאָג פערדריקט ער זאָל זיך דורך א קרעכץ ניט אַרויסגעבען.

און וואָס איז ער שולדיג אז ער ליעבט מיך אַזוי — — ווי אַנדערע! ער וויל לעבען ווי ער וויל. ער וויל צובייטען דעם גרוי־סען געפיהל פון איין גרויסע ליעבע אויף א סך. ווען איך פרעג איהם פאַר וואָס האָט ער אין זיין צימער ג ע ל י ע ב ט אַן אַנדערע, וואָלט ער מיר קענען ענטפערען — דערפאַר וואָס א י ך בין ניט געקומען. איך האָב יענע מיין פּלאַץ אָפּגעטראָטען, זיך אַליין פון איהם צוריקגעצויגען...

וויפיעל איך וואָלט איהם געקענט אויף אַזא ענטפער ענטפע־

רען ! אָבער, איך האָב געשוויגען, געשוויגען ווי אַלע מאָל ווען איך האָב א סך, א סך צו זאָגען. געשוויגען און זיך ווייטער דערווייטערט ווען ער האָט זיך געוואָלט צו מיר דערנעהענטערען, און ער איז אוועק, אוועק מיט זיין בעליידיגטען שטאָלץ.

ביי מענער איז דאָ גאָר אן אנדער סאָרט שטאָלץ ווי ביי פרויען, פרויען זיינען שטאָלץ אויף זייער טוגענד, מענער — אויף זייער זינד...

ווען פרויען ווילען ליעבען, ווילען מענער ל ע ב ע ן. אָבער ליעבע און לעבען זיינען גאָר צוויי בעזונדערע זאכען כאָטש זיי געהן אָפט באנאנד. ליעבע איז די דעקאָראַציע פון לעבען, ווען לעבען, אין פּראָסטען זינן פון וואָרט, איז דער טויט פון דער ליעבע...

---

איך זוך צו בעפרייען מיינע געפיהלען פון אונטער דעם קאָנ־טראָלירענדען געדאנק. דער קלאָהרער פערשטאנד הייסט מיר אויפ־געבען דעם משוגענעם געפיהל פאר פאנאטישע ליעבע אויב איך וויל ניט געהן גענען זיך, אויב איך וויל אויסער מיין ליעבע צו זיך אויך זעלבסט־אכטונג פערליערען.

עס איז, דאכט מיר, ניטאָ קיין שווערער קאמפף פאר א פרוי ווי צווישען ליעבע און זעלבסט־אכטונג.

וועל איך דעם קאמפף געווינען ?

**זיך זעלבסט צו בעקעמפפען איז דער גרעסטער קאמפף, זיך אליין בעזיעגען, דער שעהנסטער זיעג.**